דער נסתר

מעשהלעך אין פערזן

פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
וואַרשע.

106

דער נסתּר

מעשהלעך אין פערזן

דריטע פאַרגרעסערטע אויפלאַגע.

פאַרלאַג
„קולטור-ליגע"
וואַרשע.

איבערדרוקן פאַרבאָטן.

צייכנונגען פון מאַרק שאַגאַל.

געדרוקט אין 2500 עקז.

וואַרשע, 1921.

BAJKI WIERSZEM DER NYSTERA. Wyd. „KULTUR-LIGE". Warszawa. 1921

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.—Telefon 260-19.

א מעשה מיט א בער.

כ׳האָב אַ מעשה צו דערציילן,
ווי ס׳אַמאָל, אין יענע יאָרן,
ווינטער־צייטן האָלץ צו האַקן
אין אַ וואַלד אַ גוי געפאָרן.

אין אַ גרויסן, אַ געדיכטן,
מיט אַ פערד און מיט אַ שליטן,
האָט פון וועג דאָרט אָפּגעקערט זיך
און געקומען אין אַ מיטן.

און גענומען, צוגעגאַנגען
צו אַ בוים, צו אַ געזונטן,
און מיט האַק און זיך פאַרמאָסטן
צו זיין וואָרצל אים פון אונטן.

און אַ האַק געטאָן אַ רעכטן,
איינס און צוויי — דער גוי קאָן האַקן,
האָט דער בוים גענומען קרעכצן,
און די צווייגן זיינע קנאַקן.

שלאָגט דער גוי, און שפּענער פאַלן,
האַק אין קאַרב און העק אין קאַרבן,
האָט דערזען דער בוים — געקומען
איז זיין צייט איצט שוין צו שטאַרבן.

האָט ער לאַנג זיך נישט געגעבן,
אָבער גוי האָט אים גענומען:
האָט אַ קראַך געטאָן אַ לעצטן
און אַ גסיסה־זיפץ אַ שטומען.

און אַ פאַל געטאָן אַ פגר,
האָט מיט שפּיץ זיינעם געטראָפן
אין אַ בער, וואָס איז געלעגן
און זיין ווינטער־שלאָף געשלאָפן.

האָט זיך אויפגעכאַפּט דער בער דאַן
און פון גרוב אַ קוק געגעבן,
האָט דערזען: דער גוי אַנטלאָפן,
פערד און שליטן ז'נאָר געבליבן.

האָט אַ לאָז געטאָן דער בער זיך,
בוים און צווייגן אויסגעמיטן —
און געוואָלט אויף פערד אַ שפרונג טאָן,
איז אַריין מיט פוס אין שליטן —

אין אַ לאָך און דאָרט פאַרהאַקט זיך,
ביי דעם שליטן־עק, ביים שטאַפל,
האָט דאָס פערד דערפילט סכנה,
האָט דאָס פערד געטאָן אַ צאַפל,

און אַ ריס געטאָן פון אָרט זיך,
און גענומען האָט זיך טראָגן,
מיטן בער און מיטן שליטן
אין דער וועלט אַריין זיך יאָגן.

דורך דעם וואַלד און צווישן ביימער,
און אויף וועגן און נישט=וועגן,
דורך אַ פּחד-בייטש געטריבן
אַלע אומגליקן אַנטקעגן: —

זאָל זיך טרעפן, וואָס ס׳וועט טרעפן,
זאָל עס פאַלן, זיך צעשלאָגן
אין אַ גרוב, צי אין אַ גראָבן —
פערד וועט לויפן, פערד וועט יאָגן

ווייט און ווילד און פייל פון בויגן!...
אַזוי לאַנג איז דאָס געלאָפן,
ביז דעם וואַלד האָט אויסגעמיטן,
זיך אויף פרייען פעלד געטראָפן.

און דאָס פעלד ליגט ווייט אין שנייען,
און דאָס פעלד איז טיף אין ווינטער,
און קיין סימן פון קיין ישוב —
נישט קיין גלאָק און נישט קיין צווינטער.

נאָר אויף איינעם אויף אַ בערגל,
צווישן ווייטן שניי, פאַרבלאָזן
נאָר געשטאַנען איז אַ צלם,
אַלט, געבויגן און פאַרלאָזן.

ווי עס שטייט אַזאַ מין צלם,
ווינטער=צייט און אַ פאַרווייטער,
אָן אַ שומר און אָן שמירה,
און ווי ר׳שטייט, אַזוי זיך שטייט ער.

איז דאָס פערד דאָרט דורכגעלאָפן,
האָט דער בער דערזען דעם אַלטן
יענעם צלם, האָט געדערכנט,
אַז ביי אים וועט זיך פאַרהאַלטן,

האָט ער אויסגעשטרעקט אַ לאַפּע
און אַ נעם געטאָן דעם צלם,
איז ער פויל געוועזן פון אונטן,
איז ער מיטגעגאַן מיט עולם:

מיטן פערד און מיטן שליטן
און מיט בער אַרומגענומען,
ווי שוין לאַנג אויף אים געוואַרט האָט
און אַצינד איז ער געקומען,

אים פון דאָרטן צו צונעמען
פון פאַרווייטקייט און פון שנייען,
ר'זאָל אין פעלד אַליין נישט בלייבן
און אין עלנד דאָרט ניט שטייען.

און פון דעמאָלט אָן, דערציילט מען,
שוין פון כמה־כמה יאָרן,
תמיד ווינטער אין די פעלדער
זעט מען בער מיט צלם פאָרן.

— — — — — — —

פרעגן קינדער, ווילן וויסן:
„און דער גוי, וואו ז'היינגעקומען?"
ענטפערט מען זיי — מיטן פרילינג,
מיטן וואַסער איז פאַרשוואומען.

און אַ טייל אַזוי גאָר זאָגן:
אַז אין וואַלד איז ער פאַרבליבן.
ווען ער האָט אַ טינט און פעדער,
וואלט זיין לעבן דאָרט באַשריבן.

אַ חורבה.

איינס און צוויי און דריי און פיר —
כ'ווייס אַ הויז, וואָס אָן אַ טיר,
אָן אַ פענסטער, אָן אַ דאַך,
נאָר באַדעקט מיט סוכּה־סכך.

ווער-זשע וואוינט אין יענעם הויז?
נישט קיין קאַץ און נישט קיין מויז,
נישט קיין נעסטל, נישט קיין גריל —
ס'איז באַשטענדיק דאָרטן שטיל.

ווער גיט אַכטונג דאָרט דערויף?
נישט קיין פויגל, נישט קיין עוף,
קיין משוגענער, קיין הונט
דאָרט קיין נאַכטלעגער געפינט.

דאָך ווער ווייסט פון יענעם הויז?
ווייסט דערפון די פלעדערמויז,
ווייסט דערפון דער שד בּיינאַכט,
אָן אַ לאָדן צוגעמאַכט.

— — — — — — —

זעט מען ווען בּיינאַכט אַ שיין,
קוקט אַ מענטש אַהין אַריין,
לויפט ער אָפּ מיט שרעק-געשריי:
ער דערזעט פאַרשוינען צוויי;

זיצן רוחות צוויי פאַרקלערט
פאַר אַ רעדל־שטרוי אויף דר'ערד,
און אין שטרוי אַ ליכטל ברענט,
און באַשיינט די שטוב מיט ווענט;

שטוב מיט ווענט און רעדל־שטרוי,
זיצן רוחות דאָרט אַזוי: —
איינער האַלט אַ קימפּעט־קינד
און דער צווייטער דאָס צעבינדט,

וויקל־שנורן וויקלט אָפּ
און פון קעפּל נעמט אַראָפּ,
ווייט דאָס טשיפּיקל פאַררוקט
און אין פּנימל דעם קוקט.

רוח קוקט לאַנג און שטיל זיך איין
ביי דעם ליכטל, ביי דער שיין,
דאַן צום צווייטן רוח זיך ווענדט,
דעם, וואָס קינד ביי אים אויף הענט.

קערט זיך, פרעגט אים: „און אַצינד,
וואָס־זשע טוען מיר מיט קינד? —
צי מיר נעמען עס באַלד גלייך
און מיר טראָגן עס צום טייך,

דאָרט אויף בוידעם און אויף מיל,
אויף ביינאַכט און שדים־שפּיל,
פלעדערמייז און קינד און קייט
אויף אַ שמחה און אַ פרייד?...

צי מיר טראָגן עס אַוועק
ערגעץ ווייט און אין אַ העק,
אויף אַ פעלד, צי אין אַ וואַלד,
דאָרטן שטייט אַ שטיבל אַלט.

און אין שטיבל דאָרטן וואוינט
בער, דער מלך, איז געקרוינט
אויף ציגיינערס און אויף אונז
און אויף שוואַרצער שדים־קונץ?...

צי מיר טראָגן עס אַוועק
גאָר צוריק אויף יענעם וועג,
וואָס פון דאָרטן עס געבראַכט
האָבן היינטיקן ביינאַכט,

וואָס געגנבעט האָבן שטיל
מיט דער הילף פון אונזער גריל,
ביי דער באָבע און ביי וואַך
און אַרויס מיט דעם דורך דאַך,

און אַצינד דורך קומען דאָרט
ווייטער לייגן עס אויף אָרט,
נישט געהערט און נישט געזען,
גלייך, ווי גאָרנישט ניט געווען?..."

אָט אַזוי אַ גאַנצע נאַכט
אָן אַ לאָדן צוגעמאַכט,
ביי דעם ליכטל און וואָס ברענט,
מיט צעוויקלט קינד אויף הענט

זיצן שדים אין דער מיט,
וואָס צו טאָן און ווייסן ניט
אין דער שטוב און אָן דער טיר —
איינס און צוויי און דריי און פיר.

דאס קעצל.

כ׳האָב אַליין געזען אַ קעצל
אין אַ וועג, ווי ס׳איז געגאַנגען,
און אַ בינטל עפּעס זאַכן
דעם אויף העלזל איז געהאַנגען.

פון רפואות, נישט רפואות,
סגולות, פלעשעלעך און מינים,
זעלבלעך, וואַסערלעך געמישטע
גרוי און אַש-קאָליר מיט גרינעם.

און געווען איז דאָס באַשעפּטיקט
און מיט ערנסטעס פאַרנומען,
ווי געדאַרפט האָט ערגעץ נויטיק,
זעהר נויטיק אָנצוקומען.

בין איך נאָכגעגאַנגען קעצל
לאַנגע טעג און לאַנגע וואָכן,
ביז כ׳בין מיד געוואָרן גייען,
ס׳האָבן פיס מיר שוין געבראָכן.

האָב געזען, ווי איינמאָל קעצל
פון דעם וועג האָט אָפּגעקערט זיך,
און צו דר׳ערד זיך צוגעבויגן
און מיט אויער איינגעהערט זיך,

לאַנג געהערט, געהערט מיט איינעם,
דאַן האָט צוגעלייגט דעם צווייטן,
האָט צום אָרט, ווייזט אויס, געטראָפן,
האָט גענומען זיך דאַן גרייטן.

איז פון אָרט דאָרט אָפּגעגאַנגען,
קאָפּ און פיסלעך אָנגעבויגן,
און דאָס בינטל מינים זאַכן
פון דעם האַלז אַראָפּגעצויגן.

דאַן איז ווידער צוגעגאַנגען,
אָנגעקלאַפּט מיט עק מיט שטילן:
זאָל מען הערן און אַרויסגיין,
ס'איז אַזוי דעם קעצלס ווילן.

האָט די ערד זיך אויפגעעפנט
און אַרויסגעגאַן איז איינער
דאַן אַ דינער און אַ שטילער
מיט אַ זעקעלע מיט ביינער.

און געבליבן שטיין פאַר קעצל
ווי געוואָרט אויף דעמס באַפוילן:
זאָל עס זאָגן, זאָל עס הייסן,
אַלץ, וואָס מעגליך, וועט עס פועלן.

ווייל אַרויסגעשיקט פון דאָרטן
איז אַהער אויף וואָס מ'וועט דאַרפן, —
האָט דאָס קעצל דאַן אין שטילקייט
פ'אים אַ קוק געטאָן אַ שאַרפן.

און געהייסן זיך אויפבינדן
יענץ זיין זעקעלע מיט ביינער,
און אַרומגעקוקט אַרום זיך,
צי ז'נישטאָ אַרום דאָרט קיינער.

דאַן אין צוגעגאַן, גענומען
אַ קליין פּלעשל פון די זאַכן,
און גענומען עס צעבּויטען
אַ רעצעפּטל דערפון מאַכן.

און געבּויטעט מיט געניטקייט,
און אַפּטייקעריש באַטראַכט עס,
האָט דאַן אָפּגעשטעקט ס'פּאַרשטעקל —
שוין אַ פאַרטיקס, אַ געמאַכטעס.

האָט גענומען און פאַמעליך
עס אויף ביינער אָנצוגיסן,
האָט מען באַלד געזען אין ביינער
האָט גענומען עפּעס פליסן,

און צו אומגיין און צו ווערן,
און מיט הייטלעך זיך באַדעקן,
און מיט לייבער, און מיט לעבן
און מיט ראָזע לעבנס פלעקן.

און גערירט זיך, און געוואָרן
און נישט אויפגעהערט צו ווערן,
שוין די ביינער האָבן קעפּלעך
און אויך אייגעלעך אין שטערן.

און שוין הענטעלעך און פיסלעך,
אַלע אברים און גלידער,
און די ביינער באַלד פון טויטע
שטייען אויף און לעבן ווידער.

זיינען אויפגעשטאַנען מענטשלעך,
יונג און פריש און ניי־געבוירן,
און ארומגערינגלט קעצל
און אַזוי אין ראָד באַשוואוירן:

„אויב זיי אויפגעבראַכט פון טויטע
„און אויפסניי געבראַכט צום לעבן,
„זאָל עס זען זיי אויך פאַרזאָרגן
„און זיי געבן אויך צום לעבן.

„וואָס מע דאַרף פון עסן, טרינקען
„און אויך קליידער אויף זיך קליידן,
„אַלע וואוילטאָגס, פאַרגעניגן,
„וואָס אַ מויל נאָר קאָן אויסריידן.

„און דאָס קעצל איז מחויב,
„זאָל־זשע וויסן און געדענקען —
„טאָמער ניט, דאַן זאָגן מענטשלעך,
„וועלן ס'אייביק איר ניט שענקען,

„און זי יאָגן, ביי איר מאָנען,
„אויך ביי איר און אירע קינדער,
„און נאָך טויט ביי איר אַפילו
„פון די הענט פון אירע שינדער..."

האָט דאָס אויסגעהערט דאָס קעצל
און דאָס אַלץ אויף זיך גענומען,
ווייל דערויף איז עס געגאַנגען,
און מיט דעם איז עס געקומען.

איז אַרויסגעגאַן פון רעדל
און אויף דר'ערד אַן אָרט געמאַכט זיך
און אַווייִלינקע געזעסן,
נאָך אַ ווייִלינקע באַטראַכט זיך.

און דערנאָך אַוועקגעגאַנגען,
גראָז און בלעטלעך אָנגעקלויבן,
וואו אַ ריטל, וואו אַ דריטל
האָט פון דר'ערד עס אויפגעהויבן.

און אַוועקגעזעצט אויף דר'ערד זיך,
און אַזוי פון דאָרט באַנייט זיי
פון די קעפּלעך ביז די פיסלעך,
אָנגעמאָסטן, ווי עס גייט זיי!

און אַז קליידער האָט פאַרענדיקט,
אַז פאַרענדיקט האָט דאָס נייען,
האָט פון ריטלעך דאָרט גענומען
עפּעס ריטל-שטריקלעך דרייען.

און פון שטריקלעך פלעכטן נעצן,
נעצן מענטשלעך אָפּגעגעבן:
אָט פון דעם, איר קליינע מענטשלעך,
וועט איר האָבן אויף צו לעבן.

ווייל אַזוי האָט קאַץ, די גרויסע,
מיך צו אייך געשיקט דאָ זאָגן:
„אויב איר ווילט אויף וועלט זיך שפייזן,
„זאָלט איר אָט די נעצן טראָגן.

„אין לבנה־נעכט אין שיינע,
„מענטשן פאָרן דאַן שפּאַצירן,
„דאַן זאָלט אויסשפּרייטן די נעצן,
„זיי אַריינכאַפּן און פירן,

„און זיי נעמען, און זיי ברענגען
„אין דעם שלאָס פון באַרג פון הויכן,
„דאָרט, וואו ס'רוט אַ ווייסער היפּל
„און עס רויכערן זיך רויכן —

„דאָרטן וואוינט אונז קאַץ מיט קאָטער
„אין אַ פּוסטן שלאָס פאַרמאַכטן
„און פאַרריגלטן אויף ריגלען
„און זיי וואויען אין ביינאַכטן.

„און זיי וואוינען און זיי וואויען:
„ז'האָבן לאַפּקעלעך פאַרשטאָכן,
„און געטאָן שוין אַלץ אויף וועלט איז,
„אַלע שפּרוכן אָפּגעשפּראָכן.

„און געהאָלפן האָט זיי גאָרנישט,
„נאָר אַ מענטשן דאַרף מען ברענגען,
„ר'זאָל זיי לאַפּקעלעך אויסשטעכן
„און אויף שנירעלעך אויפהענגען.

„ווען די קאַץ אייך דאַן באַלוינען,
„אַל'באַגערן ווערט אייך גיבן,
„נישט וואָס איין מויל קאָן אויסרעדן,
„נאָר וואָס ס'קאָנען מיילער זיבן..."

דאָס האָט אָפּגעזאָגט זיך קעצל,
דאַן זיך ווייטער אָנגעבויגן
און דאָס בינטל אירע זאַכן
אויפן העלזל אָנגעצויגן.

און געזעגנט זיך מיט אַלע
און אין וועג האָט זיך פאַרנומען,
אויף אַן אַנדערס אַ שליחות,
ערגעץ אַנדערש אָנצוקומען.

ווינטער.

גיי איך, אַלטער, אויף דער וועלט
מיט מיין ניסן־שטעקן,
וואו אַ וואַלד און וואו אַ פעלד
פייגל־נעסט צו וועקן.

נעסט און פייגל, וויסן זייט:
ווינטער דאַרף באַלד קומען,
און אין ווייטן צפון־זייט
ווינט און שניי שוין ברומען:

און איך, אַלטער, טו באַלד אָן
ווינטער־פעלץ און גאַרטל,
און אין ווייטע שטעט שרייב אָן
קינדערלעך אַ קאַרטל:

קינדער, קינדער, וויסן זייט:
וואַסערן שוין פרירן
און אין שפעטער אָוונט־צייט
קאַלטע שמועסן פירן.

שמועסן וואַסערן ביינאַכט
פונם טייך און קוואַלן:
זומער־מלאכל פאַרשמאַכט
איז אויף וועג געפאַלן.

אויפן פעלד, וואָס איז פאַרלאָזט,
עלנד, אָפּגעשניטן —
מיט די אויגעלעך פאַרגלאָצט
ליגט עס אין אַ מיטן.

אָן שוין כח און אָן מאַכט,
איז אַזוי געפאַלן,
אין אַן אָוונט, אַ פאַרנאַכט
ביי די לעצטע שטראַלן.

האָט די זון דאַן קאַלט און רויט
אינם נאַכט־פאַרגיין
זומער־מלאכל אין נויט
און אין אַנגסט דערזען.

מיטן קעפל צו אַ שטיין
אָנגעשפאַרט אין קאַלטן,
און דאָס פנימל־געוויין
האָט אין אים באַהאַלטן.

און אַזוי, אַזוי וועט לאַנג
אויפן פעלד אין מיטן
ליגן מלאכל, וואָס קראַנק,
ביז דער שניי וועט שיטן.

שיטן, שיטן און פאַרשיט
פעלדער וועלן ווערן,
זעען וועט עס קיינער ניט,
קיינער וועט עס הערן.

נאָר די שטרעקעס ווייטע=ווייס,
זיי נאָר וועלן וויסן,
אויך די וואַסער אונטער אייז,
שטילערהייט וואָס פליסן.

און דערציילן וועלן זיי,
שטיל זיך איבערגיבן,
אַז דאָס מלאכל אין שניי
איז אויף פעלד פאַרבליבן.

וואַסער=שטיל און וואַסער־טייך,
איינער וועט דעם צווייטן,
אויפן גאַנצן קעניגרייך
מעשהלע פאַרשפרייטן.

און דערנאָכדעם, אַז צעגיין
שנייען וועלן דאַרפן:
פאָרן גויים אויף פאַרזיין,
אַקער־מעסערס שאַרפן.

צו דעם שמיד און דורכן פעלד
מיט די פערד און וועגן,
ערב=פרילינג אויף דער וועלט
קומט מען זיך אַנטקעגן,

שטעלט מען אָפּ זיך און מע שמועסט
וועגן זיבן זאַכן:
„וואָס טוט דאָרף, און, דו, וואָס טוסט,
און וואָס קרובים מאַכן"...

דעמאָלט וועלן גויים צוויי
קומען זיך אַנטקעגן,
אַלטע גוט באַקאַנטע זיי,
פריינטליך זיך צעפרעגן.

און דערנאָכדעם, און דערזען
אין דעם שניי דאָרט ליגן
וועלן מלאכל ביי שטיין
ווינטעריק אַנטשוויגן.

וועלן נעמען גויים דאַן
אויף די הענט עס טראָגן,
און, געהיט, מיט שטילע שפּאַן
לייגן עס אין וואָגן,

און עס ברענגען נישט גערעדט
אין אַ דאָרף צו פירן,
אין אַ שטוב און אויף אַ בעט
דאָס מיט ווייררייך שמירן.

שמירן, שמירן, שטיל און לאַנג,
וועט מען דאַן דערזעען:
ביי דעם מלאכל, וואָס קראַנק,
פליגעלעך שוין ווייען.

ווייען, פאָכן, וואַכן אויף
פונם ווינטער־דרימל,
ווי געקערעוועט אַרויף
מלאכל צום הימל.

און אין אויגעלעך אַ שפּאַלט
שוין צום דרויסן קוקן, —
וועלן גויים דעמאָלט באַלד
אויף צוריק זיך רוקן.

און זיך שטעלן ווייט פון בעט,
און אַ וואַרע מאַכן,
נישט געזאָגט און נישט גערעדט,
נאָר די טיר אויפמאַכן.

וועט דאָס מלאכל אַראָפּ,
ביז דער שוועל וועט גיין,
און מיט פליגעלעך ביי קאָפּ
דאָרט אַ ווײַלע שטיין.

און דערנאָכדעם מיט־אַמאָל
וועט אַ הויב זיך גיבן:
ווינטער, טייכן, בערג און טאָל
אונטער דעם געבליבן.

און אַליין אַוועק, אַוועק —
הימל, הויך און העכער,
איבער לאַנד און איבער וועג,
איבער טייך און טעכער.

איבער וואַלד און איבער פעלד,
אומעטום צעטראָגן
אין דער גרויסער גאָר־דער־וועלט
מזל־טוב צו זאָגן.

מזל=טוב און מזל=טוב!
און אַלע זאָלן וויסן,
פאַרן זומער=לעב גייט אויף,
בענטשט מען חודש ניסן.

אָט אַזוי, אַזוי שרייב אָן
קינדער אין דעם קאַרטל
איך, דער אַלטער, אָנגעטאָן
ווינטער=פעלץ און גאַרטל.

דאס ציגעלע.

פאָרט דאָס ווייסע ציגעלע
אויף ווייטער וועלט אַרויס,
פאַלט ביי דעם אין מיטן וועג,
הוצאות פאַלט דעם אויס.

לאָזט זיך עס צופוס אַוועק
מיט וועג זיך און ביי זייט,
גייט זיך עס פאַמעליכן, —
דאָס ציגעלע האָט צייט.

הענגט ביי דעם אַ טאָרבעלע
מיט ברויטעלע און זאַלץ,
און אויף האַלז אַ שנירעלע,
אַ קוויטעלע אויף האַלז;

וואָס גענומען ציגעלע
האָט אויף ווייטן וועג
אין אַ ווייט שליחותל,
אויף יאָרן און אויף טעג.

אויף די ווייטע וועגן דאָרט
און אויף באַרג און טאָל
צו אַ שמאָלן סטעשקעלע
אַ סטעשקעלע, וואָס שמאָל.

איז געגאַנגען ציגעלע,
געקומען איז צו גיין,
ביז צו יענעם ערטעלע, —
געבליבן איז עס שטיין.

האָט גענומען היטן זיך
פאַר אויגן און פאַר לייט
און אַרומצוקוקן זיך
מיט קערפערל און זייט.

און אַזוי זיך אָפּגערוקט:
ריק־צוריק פון שליאַך,
און אַהין אַוועקגעגאַן
גאָך אירער און נאָך זאַך.

איז אויף שמאָלן סטעשקעלע,
אויף זאַמדיקן געגאַן,
אין אַ שטילן וועלדעלע
געקומען איז עס דאַן.

אין באַהאַלטנס שטילן דאָרט
מיט ביימעלעך, וואָס קליין,
האָט געטראָפן וועלדעלע
אין שטילקייט דאָרטן שטיין.

האָט געלאָזט זיך ציגעלע
אין וועלדל און אין רו,
און דערזען אַ פּאַלאַצל,
האָט גענענט דערצו.

איז אַרויף אויף טרעפּעלעך
צו טיר, וואָס צוגעמאַכט,
האָט איר קול דאָס ווידערקול
אין פּאַלאַץ אויסגעלאַכט.

האָט געקלונגען פּוסטקייט דאָרט
מיט פּאַלאַץ און מיט שלאָס,
און מיט וואַלד און וועלדעלע,
מיט ביימעלעך און גראָז.

נעמט דאָס ציגל קלאַפּן דאָרט
מיט הערנערל אין קאָפּ,
און געוואַרט, אַראָפּגעקוקט
מיט אויגן און אַראָפּ.

האָט די טיר געעפנט זיך
אין שטילן, און אויף איר
האָט אַ מענטש באַוויזן זיך
אויף שוועל זיך און אויף טיר.

פרעגט דער מענטש ביי ציגעלע:
דאָס ציגעלע וואָס דאַרף?
און באַקוקט אַ שטרענגער זי
און דינעריש און שאַרף.

קוקט אַראָפּ-דאָס ציגעלע
און ענטפערט גאָרניט נישט,
און דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
און טרויעריק צעמישט.

שטייט דער מענטש, דערמאָנט ער זיך:
געוויס אַהער געשיקט,
האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט
און פּאַר ציג געבוקט.

און גענומען ציגעלע
ביי העלזל, און ביי האַלז
איז געווען אַ קוויטעלע, —
און ער ווייסט שוין אַלץ...

און גענומען ציגעלע
ביי הערנערל ביי איר
און בכבוד אָפּגעפירט
צו איינגאַנג און צו טיר.

— — — — —

האָט באַגעגנט ציגעלע
אין ערשטן צימער באַלד
אַ יונגע בעל־הביתטינקע
פון שטילן שלאָס אין וואַלד.

אַ יונגע פרוי, אַ מאַמעלע,
אַ מאַמעלע פון קינד,
וואָס איר מאַן דער מלך איז
אויף וועלדעלע און ווינט.

האָט צו ציג אַזוי געזאָגט:
„אוי, ציגעלע, דו מיין,
געבענטשט זאָל זיין דיין אָנקומען
אין פּאַלאַצל אַריין.

„איך האָב געהערט, דו גייסט אַרום
און וואַנדערסט אום איף וועלט,
און ווייסט פון אַלע קרייטעכצער
און גראָזן פון דעם פעלד.‟

„געווען ביזט אויך ביי שפּרעכערינס,
ביי כשוף־מאַכער גרויס,
און אַלע שפּרוכן זאַמלסטו
און לערנסט זיי זיך אויס.

„האָסט שמירהלעך, קמיעלעך
און שפּרוכן פון גוט־אויג
פאַר קינדערלעך, פאַר עלטערע,
פאַר יעדערן, וואָס טויג —

„דו ווייסט פון אַלץ, געהערט פון אַלץ
און אַלעס, וואו מע קריגט,
האָב איך נאָך דיר אַ ווינטעלע,
אַ ווינטעלע געשיקט.

„איך האָב אַ פּיצל קינדעלע
געבוירן צו מיין מאַן,
און גרויס איז דאָס אַ פינגערהוט,
אַ ברויזעלע, אַ שפּאַן.

„מאַכט עס פון געבוירן אָן
קיין אויגעלע נישט צו,
און עס נעמט קיין שלאָף עס ניט,
ווייסט נישט פון קיין רו.

„האָב דערום געשיקט נאָך דיר, —
אָ, ציגעלע, דו מיין,
געבענטשט זאָל זיין דיין אָנקומען,
דיין אָנקומען זאָל זיין!״

האָט דאָס ציגל אויסגעוואַרט
אַזוי און שטיל געהערט,
און דערנאָך צו יונגער פרוי,
צו מוטער זיך געקערט.

האָט געהייסן ברענגען זיך
און פירן זיך צום וויג,
און אַליין צו לאָזן זיי —
ברויזעלע מיט ציג.

האָט מען זי אַוועקגעפירט
אין צימער און געבראַכט,
און אַליין אַרויסגעגאַן
און די טיר פאַרמאַכט.

איז געקומען ציגעלע,
צום וויגל צוגעגאַן,
און פאַר קליינעם ברויזעלע
שטיל געשטעלט זיך דאַן.

און גענומען שפּרעכן דאַן
און, שפּרעכנדיק, געקוקט,
ווי דאָס קינד אַ הענטעלע,
אַ הענטעלע דאָרט רוקט.

נעמט אַרויס פון קאָלדרעלע,
צו ציגעלע שטרעקט אויס
און אַזוי פאַמעליכן —
אינגאַנצן שוין אַרויס.

לייגט זיך אויף דעם ציגעלעס
אויף הערנערל אויף קליינס,
נעמט אַזוי פאַרמאַכן זיך
אַן אויגעלע שוין איינס.

שפרעכט זיך ווייטער ציגעלע —
אַ הענטעלע אַ צווייטס
צו דעם צווייטן הערנערל,
פון ציגל אָנגעגרייטס.

האַלט שוין ברויזל הערנערלעך,
די הענטעלעך אויף זיי,
איז ביי ברויזל צוגעמאַכט
די אויגעלעך שוין צוויי.

שלאָפּט זיין שלאַפט און כראָפּעט שוין,
די אויגעלעך שוין צו,
און אַזוי וועט שלאָפן לאַנג
אין פאַלאַצל, אין רו.

וואָס־זשע טוט דאָ ציגעלע
מיט הערנערלעך אַצינד,
אַז זי האָט פאַרשפּראָכן זיי
מיט הענטעלעך פון קינד?

האָט געגעבן ציגעלע
מיט קעפּעלע אַ דריי,
האָט געלאָזט די הערנערלעך,
ביי ברויזעלע האָט זיי.

איז אַרויס פון צימערל
אָן הערנערלעך און הויל,
און עס שלאָפט דאָס ברויזעלע
שוין גוט און שטיל און וואויל.

שלאָפט און שלאָפט און כראָפּעט שויז,
דאָס מעשהלע איז אויס, —
איז פון ברויזל ציגעלע
אָן הערנערלעך אַרויס.

דאס הינטל.

איך קאָן איצט נישט דערציילן אייך,
איך קאָן אייך איצט נאָר זאָגן:
אַ הינטל האָט אַ פלויעלע
אין פעל אַ מאָל געטראָגן.

דאָס פלויעלע דעם הינטעלע
דערקוטשעט האָט, געביסן;
דאָס הינטל האָט דאָס פעלעכל,
די הויט אויף זיך צעריסן.

צעריסן — און אַוועקגעלאָזט
פון הויף זיך איבער הויפן,
דעם הינט-שלעגער דאָס פעלעכל,
די פעל פון זיך פאַרקויפן.

האָט הינט-שלעגער געקויפט די פעל
פאַר הינטישע צוויי גילן,
פאַר שטעקנס און פאַר בילעוועס,
אויף וואָיען און אויף בילן.

איז הינטעלע אַרויס אָן פעל,
אָן הויט און אָפגעשונדן,
וואונד-פליישיקייט אַרויסגעזען,
פול בלוטיק-הוילע וואונדן.

אַרויס... אַוועק... און גיך, און גיך,
און לאַנג אַזוי געלאָפֿן,
געקומען איז אין יאַטקע אַריין,
צו יאַטקע־הינט געטראָפֿן.

גענומען האָבן יאַטקע־הינט
דאָס הינטל דאַן באַשמעקן,
און פֿון דעמס הוילן־וואונדיקייט
די וואונדן אָפּצולעקן.

געלעקט, געשמעקט און יעדערער
פֿאַרגרינגערט האָט אַ ביסל,
ווער מערער און ווער ווייניקער,
ווער קעפּל און ווער פּיסל.

אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּעלע,
גיב־לעקל נאָך אַ לעקל;
דאַן זיינען הינט באַפּאַלן דאָס
פֿון קעפּל ביזן עקל.

און האָבן דאָס באַלאַגערט שוין
און ענג אַרומגענומען,
און יעדער האָט שוין נעענטער
געוואָלט צו דעם צוקומען.

צו קעפּל ווער, צו זייטעלעך,
צו בייכל ווער, צו ריפּן, —
גענומען האָבן הינט זיך דאַן
צום הינטעלע זיך שטופּן.

צו שטויסן זיך, צו שטופּן זיך,
צו שלאָגן און צו רייסן,
און איין הונט פון דעם אַנדערן
דאַן שטיקער פעל צו בייסן.

אין גיכעניש, אין איילעניש,
און כאַפּנדיק זיך כאַפּן,
אַ ביסן אויך פון הינטעלע
אין גרויס־געדראַנג דערטאַפּן.

דערטאַפּן און אַ וועק מיט ביס,
און ערגעץ זיך פאַרקלייבן,
נ'אַווינקעלע באַהאַלטן זיך
אַליין מיט זיך נאָר בלייבן.

און שטיל, און שטיל, און לאַנג אַזוי,
און הינטיש זיך פאַרגעסן; —
האָבן הינט אַזוי דאָס הינטעלע
אינגאַנצן אויפגעגעסן...

— — — — — — —

דאַן קומט צוגיין דער הינט־שלעגער,
איז הינט־שלעגער געקומען,
אַ פייקל מיט צוויי שטעקעלעך
פון דר'היים האָט מיטגענומען.

דאָס פייקעלע אויף האַלז ביי אים,
אויף שטריקל איז געהאַנגען,
געגאַנגען איז אין יאַטקע אַריין,
אין יאַטקע אַזוי געגאַנגען.

געקומען און זיך אָפּגעשטעלט
אויף יאַטקע־פּלאַץ, אויף מיטן,
מיט שטעקעלעך פיל שרויטעלעך
גענומען האָט דאַן שיטן.

צו שיטן, און אויף פייקעלע
צו פויקן און צו פייקלען,
און קלעפּעלעך, ווי קייקעלעך,
געמאַכט אויף דעם זיך־קייקלען.

און לאַנג, און לאַנג געפּויקט אַזוי,
און הינט האָט איינגעלאַדן,
דעם הינטלס אַלע ברידער־הינט,
חברים, קאַמעראַדן.

געפּויקט, געפּויקט, גערופן זיי,
און זאָלן הינט דערהערן: —
ער האָט עפּעס, ער וויל עפּעס
פון הינטל זיי אויפקלערן.

ער האָט פון פעל פון הינטעלע
דאָס פייקעלע געמאַכט זיך, —
ער האָט דעם ערשטן פּויק געטאָן,
האָט פייקעלע צעלאַכט זיך.

צעלאַכט, און אים געוואונטשעוועט:
צו ג'זונט זאָל ער דאָס טראָגן,
נאָר גייען זאָל און אויפקלערן,
און ברידער־הינט זאָל זאָגן: —

איר, ברידער־הינט, איר, יאַטקע־הינט,
וואָס הינטל האָט צעריסן,
דאָס הינטל גריסט אייך אַלעמען,
אייך אַלעמען לאָזט גריסן.

אייך אַלעמען, וואָס איר זייט דאָ
פאַר מיר צונויפגעקליבן,
אַ קליינינקע צואהלע
דאָס הינטל האָט געשריבן.

עס שרייבט זיך אין צואהלע,
דאָס הינטל לאָזט אייך וויסן:
דאָס פּלויעלע האָט, אמת, דעם
אין פּעלעכל געביסן, —

דאָך הינט זיינען קיין ברידער נישט,
נאָר הינט, ווי איר, אַזוינע,
אויף אייגן־פעל ז'קיין מסחר נישט,
און הינט־שלעגער — קיין קונה.

א מעשה מיט א האז.

האָזל, האָזל, גיי אַרויס,
כ'וועל זיך מיט דיר טיילן,
וואָס די קינדער וועגן דיר
טוען זיך דערציילן:

אַז צו איינמאָל אַ ביינאַכט,
האָט מיט דיר געטראָפן,
טאַטע־מאַמע נישט געפרעגט
ביסט פון וואַלד אַנטלאָפן.

גיך און גיך און שטילערהייט
ביסט אין פעלד געקומען,
האָט דיך פּלוצים אויפן וועג
דאָרט אַ רוח פאַרנומען.

און גענומען האָט דיך דאַן
לאַנג און לאַנג צו פירן,
און אין מיטן, אינם וועג
פנים דיר צו שמירן

מיט אַ שמירעכץ, מיט אַ באַרש
און מיט מינים זאַכן,
ווי אַ רוח, און ווי ער קאָן,
חוזק פון דיר מאַכן.

און דערנאָכדעם דיך געבראַכט
שטיל האָט אין אַ גאָרטן,
צווישן היפּטלעך, צווישן קרויט,
און געלאָזט דיך דאָרטן.

אין די בלעטער, וואָס געדיכט,
ביסט געבליבן שטיין,
האָסט זיך לאַנג אַרומגעקוקט
און דערנאָך דערזען: —

אין די בלעטער פון דעם קרויט
צווישן קעפּלעך אַלע
אַ קליין קעפּעלע אַ שיינס, —
האָזעלען אַ כלה.

ביסטו צוגעגאַן צו דעם
און דערביי געשטעלט זיך,
האָט איר ביידע זיך דערזען,
ביידע, אַז געפעלט זיך.

— האָזל־קעפּל, קעפּל־קרויט —
זיינט איר זיך געפעלן,
האָט איר ביידע אָפּגערעדט
באַלד אַ חופּה שטעלן.

און דערנאָכדעם און געגאַן
קרובים אָנצוזאָגן, —
האָט די כלה דאַן אַליין
זיך דעם שלעפּ געטראָגן.

זיינען קרובים אײַנגעגאַן,
און דערויף באַשטאַנען,
האָבן באַלד אַרויסגעשיקט
סאַרווערס, פיש און פאַנען.

פיש און פלייש און וואָס מע דאַרף
אַלע מינים סאָרטן,
מלכות־ברויט און ברויטעלעך,
לעקעכער און טאָרטן.

אַלץ צו סעודה צוגעגרייט —
כּלי־זמר אויף צו שפּילן,
חתן־כּלה זאָלן גוט,
ליב און וואויל זיך פילן.

און אַ שמש האָט געבראַכט
חופּה מיט פיר שטאַנגען,
האָט מען חתונה געשפּילט,
איז די נאַכט פאַרגאַנגען.

און אויף מאָרגן אינדערפרי
האָבן חתן־כּלה
זיך געזעגנט מיט דעם קרויט
און מיט קעפּלעך אַלע.

און אַליין אַוועקגעגאַן,
לעקעך מיטגענומען,
און צו עלטערן אין וואַלד
שטיל אַריינגעקומען.

און אַזוי זיך פאָרגעשטעלט,
און אַזוי געשטאַנען,
האָבן עלטערן געקוקט
און זיי ניט פאַרשטאַנען.

און דערנאָכדעם, אַז דערקענט
האָבן זון דעם פיינעם,
און די מעשה זיך דערוואוסט
מיט אַנטלויפן זיינעם,

האָבן באַלד אים צוגעגרייט
האָזן־פסק אַ רעכטן,
פאַר אַנטלויפן און פאַר נאַכט
און פאַר גאַנצן נעכטן.

זיינען באַלד אַוועקגעגאַן
און גערופן אַלע
קרובים־האָזן פונם וואַלד
צו די חתן־כלה.

און גענומען האָבן שטיל
ריטלעך אָנגעריסן,
און דעם חתנדל, דעם האָז,
פיין אַריינגעשמיסן.

און די כלה האָט געקוקט
און געטאָן זיך שעמען,
און צו וויינען נישט געהאַט,
קלאָגן זיך פאַר וועמען...

און פון דעמאָלט, און פון דאָרט,
און אויף אַלע יאָרן —
האָזל־קעפּל, קעפּל־קרויט
זיינען נישט קיין פאָרן.

שרעטעלעך.

איז אין אַלטע צייטן,
איז אַמאָל געווען
שרעטעלעך אין הייזער,
רוחלעך, שאַלעמויזן.

האָבן זיי געטראָגן
אויף די קעפּלעך קליינע
קאַפּעליושלעך-מיצלעך,
מיצעלעך אַזוינע.

זיינען רייך געווען
קליינע די פֿאַרשוינען,
האָבן אויסגעקליבן
אונטער דר'ערד צו וואוינען.

פלעגן זיי זיך האַלטן
אונטער דר'ערד אין שטיבער,
אין די מייזנלעכער,
אין די שטשורעס-גריבער.

האָבן דאָרט געהאַלטן
קריגעלעך מיט פענדלעך
און אַזוינע טעפּעלעך
אָנגעשיט מיט רענדלעך.

און מיט גאָלד און זילבער
און מיט גוטע שטיינער,
און פון דער באַהעלטעניש
ניט געוואוסט האָט קיינער.

—

פלעגט זיך אַמאָל מאַכן
אין די שטיל־ביינאַכטן,
פלעגט מען דאַן דערזעען
אַ שרעטעלע פאַרטראַכטן.

ס׳פלעגט פון דר׳ערד אַרויסגיין,
שטיל אין שטוב שפּאַצירן, —
פלעגט מען עס פאַרנאַרן,
פלעגט מען עס פאַרפירן.

ווער ס׳איז קלוג געווען,
האָט געלאָזט עס גייען,
איבער שטוב שפּאַצירן,
איבער שטוב זיך דרייען,

און אַליין גענומען
איז דער שטיל צו קוקן,
און אַזוי פּאַמעליך
שטיל צו דעם זיך רוקן.

און דערנאָך — און פלוצים...
זיך אַ וואָרף געגעבן,
איז אין האַנט ביי יענעם
קאַפּעליוש געבליבן.

האָט גענומען רוחל
וויינען דאַן און קלאָגן,
און פאַר יענעם מענטשן
קריגעלעך צו טראָגן: —

די מיט אַלעם גוטן
און מיט גאָלד און רענדלעך,
און די אַלע טעפּלעך,
קריגעלעך מיט פענדלעך —

און פאַר מענטש געשטעלט זיך
קלאָגן זיך און בעטן,
צו די פיס אים פאַלן
און נישט אָפּצוטרעטן.

האָט דער מענטש אים דעמאָלט
קאַפּעליוש געגעבן
און איז רייך געבליבן
אויפן גאַנצן לעבן.

אָט אַזוי דערציילט מען
איז אַמאָל געוועזן —
שרעטעלעך אין הייזער,
רוחלעך, שאַלעמויזן.

מיזעלע־מייזעלע.

אין אַ פעלדל, צי אין אַ וועלדל,
שטייט אויף הינערפיס אַ הייזל,
האָט געוואוינט אַמאָל, דערציילט מען,
דאָרט אַ קעצל מיט אַ מייזל.

האָט געליבּט די קאַץ דאָס מייזל
און פון אַרבּל פלעגט עס שפּייזן,
האָט געקליידט עס און געשיכט עס
קליינע שיכעלעך פון אייזן.

איז געגאַן מיט דעם אויף שמחות
און אויף חתונות און בּריתן,
אַזוי לאַנג מיט דעם געשלעפּט זיך,
בּיז ס'האָט שיכעלעך צעריסן.

זיצט שוין מייזל אויפן אויוון...
איז די קאַץ אַוועק מיט קאָטער
אויף אַ שפּרונג זיך אויסצולערנען
בּיי דעם שפּרעכער, בּיי דעם טאָטער

פאַר דעם מייזל אויף צו לעבן,
עס זאָל קאָנען זיך פאַרדינען,
בּיזן מויל אַריין זאָל האָבן,
איבּער בּערדל זאָל דעם רינען.

האָט זיי אויסגעלערנט טאַטער,
האָט זיי „ברייוולעך" מיטגעגיבן,
וואָס אויף טאַטעריש און אויף טערקיש
איז אין זיי געווען געשריבן.

און זיי אָנגעזאָגט, געלערנט,
וואָס צו טאָן מיט זיי זאָל מייזל,
און פון דעמאָלט, און מע ווייסט שוין,
וואוינט אַ שפּרעכער אין דעם הייזל.

קומען קינדערלעך מיט ציינדלעך
אויף אַ האָר, ווען זיי שוין הענגען,
קיים וואָס האַלטן זיך און שאָקלען
און צום אייוועלע זיי ברענגען.

און זיי שטעלן זיך אַנידער
און די אייגעלעך זיי הויבן,
און די הענטעלעך פאַרלייגן
און זיי זאָגן שטיל מיט גלויבן:

„מייזל־מייזל, גרויסער שפּרעכער...
ציינדל־ביינדל מיר דיר וואַרפן
און מיר בעטן דיך אַן אַנדערס
אונז אַן אייזערנס צו שאַרפן,

אונז אַן אייזערנס צו געבן: —
מיר דיר — ביין, און דו אונז — אייזן,
און דערפאַר דיין גאַנצן לעבן
נעמען אונטער דיך צו שפּייזן.

יויך מיט זייגערלעך, מיט ווייזערס,
און מיט טעלערלעך פון הימל,
און מיט גאַנצע קרענץ פון שאָלעכץ,
און מיט קעלער=דומף און שימל.

זעק מיט באָרשט און פעק מיט שמות,
און פון פויגל=מילך קאָטלעטן,
און מיט מאַרק=טעג און ירידים
און מיט סקריפּ פון טיר און בעטן.

אַלץ, וואָס ס׳מויל נאָר קאָן אויסריידן,
און אַז געלט וועט אונז נישט בלייבן,
נעמען מיר זיך אַלע פורים
גיין נדבות פאַר דיר קלייבן.

אַלע יאָר און ביז דיין עלטער,
און, אַז ציין וועט דיר ניט סטייען,
זאָגן צו מיר, אַלע קינדער,
דיר דאַן לעמעשקע צו קייען.

דער שניי־באָק.

האָבן קינדער ווינטער־צייט
אַמאָל, אין אַ פאַרנאַכט,
פון הויפנס שניי און באַנקעלעך
אַ באָק פון שניי געמאַכט.

אַ גרויסן, אומגעלומפערטן,
אַ גולם־מענטש פון שניי,
ביים ברעג פון טייך פאַרפרוירענעם
געמאַכט אים האָבן זיי.

און אָנגעשפּילט און אָנגעפּרירט
אויף קעלט זיך און אויף פראָסט,
אויף נאַכט און זיך אַהיים געגאַן
און באָק אַליין געלאָזט.

—

איז לבנה אַרויסגעגאַן
אין יענעם אויפדערנאַכט,
האָט געטראָפן גולם שטיין
איבער טייך פאַרטראַכט.

שטיל און גלייך און נישט גערירט
געזען האָט: אויף זיין קאָפּ
אַ שוואַרצע און אַ שווייגנדע
געשטאַנען איז אַ ראָב.

געשטאַנען און מיט קעפעלע
דעם מענטש אין קאָפּ געפּיקט,
פון אַלטער באָבע־שפּרעכערין
אויף שפּרוך צו אים געשיקט.

געשפּראָכן האָט זי לאַנג אַזוי,
דערנאָך איז זי אַוועק
אויף בוידים דאָרט פון אַלטער מיל
פון יענער זייט אויף ברעג...

איז דער מענטש אַראָפּגעגאַן
פון אָרט און פון זיין שטיין,
און פון ברעג אין שטאָט אַריין
גענומען האָט ער גיין.

ווי עס גייט אַ גולם זיך —
פּאַמעליך, טריט ביי טריט,
האָט דערגרייכט די מיט פון שטאָט,
געשטעלט זיך אין דער מיט.

האָט לבנה אים באַשיינט,
באַלויכטן אין זיין שטיין
און פון דאַן פאַרשפּראָכן אים
אויף נאַכט אַרומצוגיין.

—

איז געוועזן פון דעמאָלט אָן,
אַלע נאַכט, ווען קלויסטער־גלאָק
שלאָגט אויס צוועלף, האַלבע נאַכט שוין
גייט אַרויס דער גולם־באָק,

גייט אַרויס דאַן און שפּאַצירט זיך
שטיל און גולמיש און שטום
און פון שנייען־באָקן טראַכט זיך
ערגעץ דרייען זיך אַרום.

אין דער שטאָט און אין די גאַסן,
אין דער נאַכט און אין דער קעלט
אויף אינאיינעם דאָ אַ טראַכט טאָן
פונם ווינטער אין דער וועלט.

און אַזוי אַ גאַנצן ווינטער,
און אַזוי דאַן נאַכט אויף נאַכט,
האָט דער גולם־מענטש שפּאַצירט זיך
און פון גולמל געטראַכט.

ביים טייך פּרת...

בּיים טייך פּרת און טייך חדקל
וואוינט אַ שנעק דאָרט מיט אַ שנעקל,
שנעק איז קליין און שנעקל קלענער,
קלויבּן ביידע זיי דאָרט שפּענער.

קלויבּן שפּענער שנעקעס ביידע,
איז דער עלטערער דער זיידע,
און דאָס אייניקל — דער צווייטער,
מאַכן זיי פון שפּענער בּרעטער.

און די בּרעטער נעמען בּינדן
מיט אַ ניי מין שטריק ערפינדן:
שטריק פון שנעקן־קליי און שמייע,
מאַכן קלאַטשע־שטריק זיי נייע.

ווערט פון בּרעטער מינים בּריקן,
נעמען שנעקעס זיי צעשיקן,
אויף חדשים און אויף יאָרן
אויף די וואַסערן צו פאָרן.

אויף די טייכלעך און אויף טעכער,
אַלץ אַרויף, אַרויף און העכער,
בּיז אין ים. אַריין צו שווימען
און אין אוקינוס־ים צו קומען.

קומען בריקן אין אוקינוס,
שטייען אויס דאָרט גרויס סכּנות,
גרויס סכּנות ברעטער־בריקן,
גרויסע אומגליקן און גליקן: —

כוואַליעס, שטורמען, שטורעם־ווינטן,
טיפע אָפּגרונטן און גרונטן,
רעגנס, מבולס, ים־געוויטער,
גאָט אין הימל זייער היטער.

שטייען אויס און קומען איבער,
און זיי דאַנקען גאָט דעריבער,
דאַנקען גאָט נאָך איבערקומען,
און זיי ווייטער, ווייטער שווימען.

שווימען ווייטער, אָפּט זיך שטעלן,
און זיי האַנדלען פּערל, קרעלן,
פּערל, קרעלן ביים אוקינוס
פאַר די ברעג־קינדער מתנות.

און זיי צילן זיי און הענגען
בייטשן, בייטשלעך זיי צו ברענגען,
שנורן, שנורלעך פּערל, קרעלן,
קרעלן קינדער וואויל געפעלן...

וואַרטן קינדער זיי ביי ימען:
בריקן לאַנג זיך, לאַנג שוין זאַמען,
קינדער וואַרטן זיי שוין צייטן,
יענע קומען נישט פון ווייטן.

שטיל איז ים, און שטילער — דרויסן,
זומער־לעב, אַ טאָג אַ הייסן,
מיט־דער־טאָג דאַן רוט אין דרימל,
ערד און לאַנד און זון אין הימל,

זעט דאַן ים קיין פויגל־פליגל
און פון ווייט קיין שיף, קיין זיגל,
און אויף ברעג קיין ווינטן בלאָזן,
ברעג איז פוסט און שטיל־פאַרלאָזן.

ליגן קינדער דאַן פאַרטראַכטע,
פון דער זון און היץ פאַרשמאַכטע,
ליגן שלעפעריק און וואַכן,
און פון זאַמד זיך שטיבלעך מאַכן.

מאַכן שטיבעלעך זיך שיינע,
גרויסע, מיטעלע און קליינע,
און מיט זיי נאָר זיי פאַרנומען, —
פלוצלים בריקן דאַמאָלס קומען.

פלוצלים קינדער זיי דערזעען
מיט אַ מאָל און זיך דערפרייען,
און זיי לויפן זיי אַנטקעגן,
אין איין אָטעם זיך דערפרעגן: —

פון געוועזן און פון געשעען,
פון געהערט און פון געזעען,
און אויף ים, וואָס האָט געטראָפן,
מיט די בריקן זיך פאַרלאָפן.

נעמען בריקן זיי דערציילן,
און מיט קינדער זיך צו טיילן,
אַלץ פון וועג און פון באַגעגנט,
פון געשטורעמט און גערעגנט.

פון געשוואומען און געשטאַנען,
וואו אַ לאַנד ס'איז נאָר פאַרהאַנען,
וואו אַ ברעג זיך אָפּצושטעלן,
דאָרט געהאַנדלט פערל, קרעלן.

פערל, קרעלן און זיי שענקען,
און אויף העלזעלעך זיי הענגען,
און קיין קינד, קיין איינס פאַרפעלן,
און ביז לעצטס, ביז מינדסט צוטיילן,

אַלץ ביי זיי נאָר וואָס געבליבן,
בריקן טיילן און צעגיבן,
דאַן פאַרנעמען זיך אויף פאָרן,
ווידער לאַנג חדשים, יאָרן.

צו דעם פרת און צום חדקל,
צו דעם שנעק און צו דעם שנעקל
און צוריק אַ היים צו ביידן,
צו דעם אייניקל מיט זיידן.

אַ מעשה מיט אַ האָן.

איינס און איינס איז צוויי,
צוויי און איינס איז דריי, —
האָב איך מיר אַ לידעלע,
לידער=לידער-ליי.

זינג איך מיר דאָס לידעלע,
הויב איך עס מיר אָן:
אויף אַן אַלטן בוידימל
האָט געוואוינט אַ האָן.

בוידימל אויף שטיבעלע
און שטיבעלע איז קליין,
האָט אַן אַלטע באָבעלע
דאָרט געוואוינט אַליין.

איז דער באָבע אומעטיק,
אומעטיק און וויסט,
זוכט זי זיך און דרייט זי זיך,
דרייט זי זיך אומזיסט.

זוכט זי זיך אַן ארבעט אויס,
ארבעט זיך שוין שוואַך,
לייגט אַוועק, פאַרטראַכט זי זיך,
דערמאָנט זי זיך אַ זאַך:

האָט זי דאָך אַ האָנדעלע,
אויף בוידימל אַן עוף,
גייט אַרויס אין הייזעלע
און דורך טרעפּ אַרויף.

אויף־אַרויף, אויף לייטערל,
קוקט זי זיך דאָרט איין
דורכן קליינעם פענסטערל
שלאָגט דאָרט אָפּ אַ שיין.

שטייט דאָרט אין אַ ווינקעלע
אַ שטייגעלע פאַרמאַכט,
טאָגט און נעכטיקט האָנדעלע
בייטאָג דאָרט און ביינאַכט.

גיט זי דעם און האָדעוועט
פון אַרבל און פון האַנט;
דאָס עופעלע, עס שרעקט זיך ניט:
די באָבעלע באַקאַנט.

עסט זיך עס, און פּיקט זיך עס,
און כאַפּט זיך עס, און שלינגט,
און מיט האָנערש אייגעלע
צו באָבעלע זיך ווינקט:

פּיק און פּיק און, איילנדיק,
מיט פּיקערל אין קאָפּ, —
און צופרידן באָבעלע
גייט אין שטוב אַראָפּ.

און אַזוי, און אַלע טאָג,
דורך בוידים און דורך לאָך,
און אַזוי, און זיבן טעג,
און זיבן טעג אין וואָך.

גייט אַראָפּ און גייט אַרויף,
און אַלע טאָג אויפסניי,
די באָבעלע מיט האָנדעלע,
זיי בלייבן זיך געטריי.

איז אַזוי אַוועקגעגאַן
יאָרן, יאָרן לאַנג,
מאַכט זיך אָבער איינמאָל גאָר
די באָבעלע ווערט קראַנק.

ווער־זשע וועט באַדינען איצט,
אַז באָבעלע איז שלאַף,
און קיין קרובים האָט זי נישט, —
אויף בוידימל דאָס עוף?

אַז קיין קרובים האָט זי נישט,
אַז קיינער קומט אַריין,
אויסער נאַכט און פענסטערל,
פאַרטאָג אַ בלויע שיין?

ליגט אַזוי די באָבעלע
אין שלאַפקייט און אין בעט,
אַ גאַנצן טאָג צו זיך אַליין,
צו זיך אַליין און רעדט:

„וואָס באַדאַרף זי קרובים גאָר,
„אַז איזן איז זי קראַנק,
„וואָס באַדאַרף אינגאַנצן גאָר,
„אַז ציען וועט ניט לאַנג?

„אָבער עוף אויף בוידימל —
„עס לויפט זיך איצטער אום
„און שטעקט אַרויס דאָס קעפּעלע
„פון שטייגל אין דער קרום,

„עס קוקט אַרויף אויף לייטערל,
„אויף באָבעלע און וואַרט,
„ס'דאַכט דעם טריט אויף טרעפּעלעך
„פון באָבעלע דעם דאַכט;

„ווער־זשע וועט באַזאָרגן עס,
„דאָס האָנדעלע, דאָס עוף,
„אַז די באָבע שלאָפן וועט
„מיט אייביקן שוין שלאָף?..."

אָט אַזוי די באָבעלע
געלעגן איז אין בעט
אַטאָג און צוויי, דעם דריטן טאָג,
און אַלץ צו זיך גערעדט.

איז אַוועק דער דריטער טאָג,
געקומען — אויפדערנאַכט,
האָט די טיר פאַמעליך זיך
אין שטיבל אויפגעמאַכט.

איז אריין דאָס האָנדעלע,
דאָס האָנדעלע צו איר,
און נאָך זיך אַן אָפענע
געלאָזן האָט די טיר.

איז אַריין אַ שטילער מאַן,
אליין און שטילערהייט,
איז צו באָבע צוגעגאַן
און פליגל אויסגעשפּרייט.

איז געשטאַנען לאַנג אַזוי
ביי באָבע און ביי בעט,
און געשוויגן לענגער נאָך,
און גאָרניט נישט גערעדט.

ביז געקומען האַלבע נאַכט,
געטאָן זיך האָט אַ דריי,
און צו האָן אַ ווינק געטאָן,
און האָנדעלע — אַ קריי.

האָט געקרייט דאָס האָנדעלע,
זיך אָנגעגאָסן רויט,
איז אויף בעט דאַן שטיל געוועז —
די באָבעלע שוין טויט.

איז פון דאַן און אַלע נאַכט,
און וויסיק זאָל עס זיין,
אַז האָנדעלעך זיי טוען דאַן
נשמות מזכיר-זיין.

אינהאַלט:

ז״ז

אַ מעשה מיט אַ בער 3

אַ חורבה 8

דאָס קעצל 12

ווינטער 19

דאָס ציגעלע 25

דאָס הינטל 33

אַ מעשה מיט אַ האָז 38

שרעטעלעך 43

מיזעלע־מייזעלע 46

דער שניי־באָק 49

ביים טייך פרת 52

אַ מעשה מיט אַ האָן 56

פאַרלאַג „קולטור-ליגע" וואַרשע.

דער נסתּר

מעשׂהלעך אין פערזן

1. אַ מעשׂה מיט אַ בער. 2. אַ חורבה. 3. דאָס קעצל.
4. ווינטער. 5. דאָס ציגעלע. 6. דאָס הינטל.
7. אַ מעשׂה מיט אַ האָז. 8. שרעטעלעך.
9. מיזעלע מייזעלע. 10. דער שניי-באָק.
11. ביים טייך פּרת. 12. אַ מעשׂה מיט אַ האָן.

פּרייז 100 מאַרק.

קלאַסיקער-ביבליאָטעק פאַר יוגנט.

מענדעלי מוכר ספרים

מסעות בנימין השלישי

(פארקירצט פאר יוגנט).

פּרייז 120 מאַרק.

מענדעלי מוכר ספרים

דאס קעלבל

מיט אילוסטראציעס פון יוסף טשייקאוו.

פּראַכט אויסגאַבע פּרייז 60 מאַרק.

דער אַלגעמיינער שמועס אין פאָלקס-שול

פארווארט פון ש. גילינסקי.

פּרייז 75 מאַרק.

פאַרלאַג „קולטור=ליגע" וואַרשע.

שול=ביבליאָטעק

ערשטע סעריע

אָריגינעלע ווערק:

1. מענדעלי מו"ס . דאָס קעלבל.
2. שלום עליכם . דאָס מעסערל.
3. י. ל. פרץ . . קינדער=לידער.
4. ש. פרוג . . . דאָס שטייסל.
5. מ. ז. פייערבערג ביינאַכט.
6. ח. נ. ביאַליק . נח און מאַרינקע.
7. ש. אַש . . . יאָסעלע.
8. אַ. רייזין . . די פאַבריק. דער בוים.
9. מ. סטאַווסקי . לבן הארמי.
10. א. ראובני . . קינדער.

צווייטע סעריע

איבערזעצונגען.

פרייז **100** מאַרק

צענטראַלער ביכער-לאַגער
„קולטור-ליגע".

וואַרשע, לעשנא 52, וו. 3.